בעזרת השם יתברך

פרשת משפטים
כז שבט
מברכים חודש אדר א'
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 18
(70)

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון



פאר'ן שבת טיש

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח - שִׁירָה, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

## דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ. מַחְמַת עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין אַ מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר. אִיז עֶר דָארְט אוּם גִיגַאנְגֶען בַּיי דֶעם טוֹיעֶר פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז יוֹא גִימָאלְט אַז עֶר זָאל זִיךְ דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען. אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען.

## דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת

מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעלֶערְנְט פָארִיגֶע וָואךְ, אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרֵיין לָאזְן דֶעם אֶמֶת'ֶער בֶּן מֶלֶךְ אִין דֶעם מְדִינָה, וַוייל אֵיידֶער דֶער קֶענִיג אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן הָאט עֶר גֶעלָאזְט צַוָּואָה: **"וֶוער עֶס וֶועט קֶענֶען אוּמְקֶערְן צוּ דֶעם מְדִינָה אִיר עֶרְשְׁטְן נָאמֶען 'דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת'"**, דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן אַז מִיר זֶענֶען נַארָנִים, מִיר קֶענֶען גָארְנִישְׁט אַלֵיינְס, נָאר עֶס אִיז דָא אַ קְלוּגֶער מַלְכוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט - **"עֶר זָאל וֶוערְן קֶענִיג"**; דֶערְפַאר לָאזְט מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט אַרֵיין אִינֶעם מְדִינָה אוֹיסֶער אַז עֶר נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער אַז עֶר וֶועט קֶענֶען אוּמְצוּקֶערְן אִיר עֶרְשְׁטְן נָאמֶען.

וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוָוארִין אֵיין מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז גִימָאלְט חָאטְשֶׁע עֶר הָאט נָאךְ נִיט גְוואוּסְט וִוי אַזוֹי. ווירְמִיר וֶועט עֶר דָאס קָאנֶען אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערִין דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען צוּ דֶער מְדִינָה. נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגִין פָּארְט וַוייל עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז גִימָאלְט.

## מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר

זַייעֶנְדִיג אַ מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר הָאט עֶר בַּאקוּמֶען שְׁטַארְקֵייט, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר קֶען, עֶס אִיז יָא מֶעגְלִיךְ עֶר זָאל קֶענֶען אוּמְקֶערְן אִיר נָאמֶען.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט זִיךְ הֵייסִין אַרֵיין לָאזִין. אוּן עֶר וֶועט זִיךְ דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. וָואס וֶועט עֶר דָא צוּ לֵייגִין. הָאט עֶר גִיזָאגְט (צוּ דִי מֶענְשְׁן וָואס זֵי הָאבִּין אִים נִיט גִיוָואלְט אַרֵיין לָאזִין) אַז זֵיי זָאלִין אִים אַרֵיין לָאזִין אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען דָאס דָאזִיגֶע אַז עֶר זָאל אוּם קֶערִין דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. הָאט מֶען אִים אַרֵיין גִילָאזְט.

אוּן מֶע הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דִי שָׂרִים אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹ אֵיין מֶענְשׁ. וָואס עֶר וִויל זִיךְ דָס אוּנְטֶער נֶעמֶען עֶר זָאל אוּמְקֶערִין דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּ דִי שָׂרִים פוּן דֶער מְדִינָה. הָאבִּין אִים דִי שָׂרִים גִיזָאגְט. דוּ זָאלְסְט וִויסִין. אַז מִיר זֶענֶען אוֹיךְ קֵיין נַעֲרָנִים נִיט חַס וְשָׁלוֹם. נָאר דֶער מֶלֶךְ וָואס סֶע גִיוֶוען. עֶר אִיז גִיוֶוען אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער חָכָם זֵייעֶר. וָואס אַקֶעגִין אִים. זֶענֶען מִיר אַלֶע גִיוֶוען נַעֲרָנִים. אִיבֶּער דֶעם פְלֶעגְט מֶען דִי מְדִינָה צוּ רוּפִין דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ גִישְׁטָארְבִּין. אִיז גִיבְּלִיבְּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ. אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז אוֹיךְ אַ חָכָם. נָאר אַקֶעגִין אוּנְז אִיז עֶר גָאר קֵיין חָכָם נִיט. אִיבֶּער דֶעם רוּפְט מֶען הַיינְט דִי מְדִינָה פַארְקֶערְט. דָאס קְלוּגֶע לַאנְד אוּן דֶער נַיירִישֶׁער מַלְכוּת. הָאט דֶער מֶלֶךְ צַוָּואָה גְלָאזְט אַז סֶע וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַזוֹי אַ חָכָם וָואס עֶר זָאל קֶענֶען אוּמְקֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. זָאל עֶר זַיין מֶלֶךְ. אוּן הָאט אָנְגִיזָאגְט דֶעם זוּן אַז סֶע וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ. זָאל עֶר אִים אָפְּטְרֶעטִין דִי מְלוּכָה. דְהַיְינוּ אַז סֶע וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַזוֹי אַ חָכָם. וָואס עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער חָכָם. וָואס אַקֶעגִין אִים וֶועלִין זֵיי אַלֶע זַיין נַעֲרָנִים. זָאל עֶר וֶוערִין מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ ווִידֶער אוּמְקֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע נַעֲרָנִים אַקֶעגִין אִים. בְּכֵן זָאלְסְטוּ ווִיסְן וָואס דוּ נֶעמְסְט דִיךְ דָא אוּנְטֶער (אַזוֹי הָאבִּין אַלְץ דִי שָׂרִים צוּ אִים גִיזָאגְט).

נָאךְ הָאבִּין זֵיי אִים גִיזָאגְט דִי פְּרוּב וֶועט זַיין אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַ חָכָם. בַּאֲשֶׁר סֶע אִיז דָא פַארְהַאנְדִין אַ גָארְטִין וָואס סֶע אִיז אִיבֶּער גִיבְּלִיבְּן פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס סֶע גִיוֶוען. וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. אוּן דֶער גָארְטִין אִיז זֵייעֶר אַ ווִילְד חִידּוּשׁ. סֶע וַואקְסִין אִין אִים כְּלֵי מַתָּכוֹת (דְהַיְינוּ כֵּלִים פוּן אַייזִין וַוארְג) זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים אוּן גִילְדֶענֶע כֵּלִים. אוּן עֶר אִיז אַ ווִילְד חִידּוּשׁ זֵייעֶר. נָאר מֶע קֶען נִיט אַרֵיין גֵיין אִין דֶעם גָארְטִין. וָוארִין אַז אֵיין מֶענְשׁ גֵייט אִין אִים אַרֵיין. אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אִים אָן תֵּיכֶף צוּ יָאגִין. אוּן מֶע יָאגְט. אוּן עֶר שְׁרַייט אוּן עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט אוּן זֶעהְט גָאר נִיט וֶוער סֶע יָאגְט אִים אוּן אַזוֹי יָאגְט מֶען אִים אַלְץ בִּיז מֶע מַאכְט אִים אַנְטְלוֹיפִין פוּן דֶעם גָארְטִין. בְּכֵן וֶועלִין מִיר זֶעהְן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אֵיין חָכָם. אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרֵיין גֵיין אִים דֶעם גָארְטִין. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט צוּ מֶע שְׁלָאגְט דֶעם מֶענְשְׁן וָואס עֶר גֵייט אַרֵיין. הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט. דֶער עִיקָּר אִיז מֶע יָאגְט אִים. אוּן עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט וֶוער סֶע יָאגְט אִים. אוּן עֶר מוּז אַנְטְלוֹיפִין מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה זֵייעֶר. וָוארִין אַזוֹי הָאבִּין זֵיי דֶערְצֵיילְט מֶענְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אַהִין אַרֵיין גִיגַאנְגֶען. (אַזוֹי הָאבִּין אַלְץ גִיזָאגְט דִי שָׂרִים צוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ).

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ דֶעם גָארְטִין. הָאט עֶר גִיזֶעהֶן סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מוֹיעֶר אַרוּם אִים. אוּן דֶער טוֹיעֶר אִיז אוֹיפִין. אוּן סֶע קֵיין שׁוֹמְרִים דָארְט נִיט פַארְהַאנְדִין. וָוארִין מֶע בַּאַדַארְף בְּוַדַּאי נִיט קֵיין שׁוֹמְרִים צוּ דֶעם גָארְטִין (וָוארִין סֶע קָאן זִיךְ קֵיינֶער אִין אִים נִיט אַרַיין גֵיין כַּנַ"ל) אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען בַּיי דֶעם גָארְטִין (דְהַיְינוּ דֶער אֶמְתִיר בֶּן מֶלֶךְ) הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן. הָאט עֶר דֶערְזֶעהֶן אַז סֶע שְׁטֵייט דָארְט לֶעבִּין דֶעם גָארְטִין אַ מֶענְשׁ. דְהַיְינוּ סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט אַ מֶענְשׁ. הָאט עֶר וַוייטֶער אַ קוּק גִיטָאן הָאט עֶר גִיזֶעהֶן אַז אִיבֶּער דֶעם מֶענְשְׁן אִיז פַארְהַאנְדִין אֵיין טַאבְּלִיצֶע. אוּן דָארְט שְׁטֵייט אָנְגִישְׁרִיבְּן אַז דֶער מֶענְשׁ. דָאס אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ פַאר כַּמָּה מֵאוֹת שָׁנִים. (פַאר וִויפִיל הוּנְדֶערְט יָאר) אוּן אִין דִי צַייטִין פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען שָׁלוֹם. וָוארִין בִּיז דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען מִלְחָמוֹת. אוּן אַזוֹי נָאךְ אִים אִיז גִיוֶוען מִלְחָמוֹת אוּן אִין דִי טֶעג פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען שָׁלוֹם.

הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוֶוען אַ מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר. אַז סֶע אִיז גָאר גִיוֶוענְט אִין דֶעם מֶענְטְשְׁן. אַז מֶע גֵייט אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין אוּן מֶע הֵייבְּט אָן צוּ יָאגִין. בַּאַדַארְף מֶען גָאר נִיט צוּ אַנְטְלוֹיפִין נָאר מֶע זָאל זִיךְ שְׁטֶעלִין לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען נִיצוֹל וֶוערִין. נָאךְ מֶער אֲפִילוּ אַז מֶע זָאל נֶעמֶען דֶעם מֶענְשְׁן אוּן מֶע זָאל אִים אַרַיין שְׁטֶעלִין אִינֶעווֵיינִיק אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. אַזוֹי וֶועט קֶענֶען אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ אַרַיין גֵיין בְּשָׁלוֹם אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. (אַזוֹי הָאט אַלֶץ פַארְשְׁטַאנֶען דֶער אֶמְתִיר בֶּן מֶלֶךְ וַוייל עֶר אִיז גֶוֶען אַ מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר).

## פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַּרְסְמוֹן) דֶער גָארְטְן דָאס אִיז דִי וֶועלְט וָואס אִיז אַ הֶערְלִיכֶע גָארְטְן, אַלֶעס קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער וִוי נָאר דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט הֵייבְּט מֶען אִים אָן יָאגְן, דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער יָאגְט אִים, וָואס יָאגְט אִים, אָבֶּער עֶר וֶוערְט פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, בִּיז פוּן גְרוֹיס יָאגֶענִישׁ אוּן שְׁרֶעק זֶעט עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט, הָאט דֶער אֶמְתִ'עֶר בֶּן מֶלֶךְ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז דִי עֵצָה נִצָּל צוּ וֶוערְן פוּן דֶעם יָאגֶענִישׁ - אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִּיק, אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק קֶען מֶען נִצָּל וֶוערְן פוּן דֶעם אוּן דוּרְכְגֵיין דִי וֶועלְט רוּאִיגֶערְהֵייט.

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגִיהוֹיבִּין אוּן אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. אוּן תֵּיכֶף וִוי מֶע הָאט אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ יָאגְן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס סֶע גִישְׁטַאנֶען לֶעבִּין דֶעם גָארְטְן פוּן דְרוֹיסְן אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם אוּן סֶע הָאט אִים גָאר נִיט גִישַׁאט וָוארִין אַנְדֶערֶע אַז זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטִין אוּן מֶע הָאט זֵיי אָנְגִיהוֹבִּין צוּ יָאגִין. זֶענֶען זֵיי אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה זֵייעֶר. אוּן זֵיי זֶענֶען גִישְׁלָאגִין גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם. אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה. דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן. אוּן דִי שָׂרִים הָאבִּין דָאס גִיזֶעהֶן אוּן הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר פַארְווּינְדֶערְט. וָואס עֶר אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גִיהֵייסִין (דְהַיְינוּ דֶער אֶמְתִיר בֶּן מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסִין) אַז מֶע זָאל נֶעמֶען דֶעם מֶענְשְׁן. אוּן מֶע זָאל אִים אַרַיין שְׁטֶעלִין אִינֶיוֵוינִיק אִין דֶעם גָארְטְן אַרַיין הָאט מֶען אַזוֹי גִיטָאן. אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע שָׂרִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם.

## אַ טוּר גֵייד

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אָן צוּ אַ פְּלַאץ, צוּ אַ לַאנְד וָואס עֶר קֶען נִישְׁט דֶעם שְׁפְּרַאךְ, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין אוּן וואוּ צוּ קוּמֶען, נֶעמְט עֶר אַ פָּארְגֵייעֶר, מֶען רוּפְט עֶס: 'אַ טוּר גֵייד' (tour guide) אֵיינֶער וָואס זָאל אִים אַרוּמְפִירְן אִיבֶּעראַל, עֶר זָאל אִים וַוייזְן וואוּ מֶען קֶען קוֹיפְן עֶסְן אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן, עֶר גֵייט אִים נָאךְ וואוּסֶענְדִיג 'אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם וָואס פִירְט מִיר, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט מִיר דָא הֶעלְפְן זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן', אוּן אוֹיבּ לָאזְט עֶר אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט עֶר צוּרִיק פַארְיָאגְט, אוּן וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין וְכוּ'.

## מִיר זֶענֶען דָא גֶעסְט

אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיר זֶענֶען אַלֶע דָא נָאר גֶעסְט, מִיר זֶענֶען דָא פַאר אַפָּאר יָאר; מֶענְטְשְׁן פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן, מֶען טְרַאכְט: **'אִיךְ הָאבּ', 'אִיךְ מַאךְ', 'אִיךְ לֵייג אַוֶועק גֶעלְט'**, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט זִיךְ אוּם זֶעט מֶען וִוי מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶס קוּמֶען פְרִישֶׁע מֶענְטְשְׁן. דַארְף מֶען נֶעמֶען אַ פָּארְגֵייעֶר, אֵיינֶער וָואס זָאל וַוייזְן דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען דוּרְכְגֵיין דֶעם וֶועלְט רוּאִיגֶערְהֵייט, אָן אַלֶע יָאגֶענִישְׁן אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק, וָואס עֶר הָאט דֶעם וֶועג אוּן עֵצָה וָואס הֶעלְפְט פַארְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן.

## דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן

וִוי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק? אַז מֶען נֶעמְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר דֶערִין; דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְסוּגָל אַלֵיינְס צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס שְׁטֵייט דָארְט, קֶען עֶר גֵיין צוּ אַ חַבֶר אִים בֶּעטְן: "**בְּרוּדֶער, וָואס שְׁטֵייט דָא אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן**", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט) וֶוען דֶער תָּם הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיוו פוּנֶעם קֶענִיג הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם שְׁלִיחַ וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם בְּרִיוו: "**אִיךְ וֵוייס זִיךְ נִישְׁט וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו, לֵיין אִים פַאר מִיר**", הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער קֶענִיג וִויל דוּ זָאלְסְט קוּמֶען צוּ אִים", אִיז עֶר תֵּיכֶף גֶעלָאפְן צוּם קֶענִיג. אוֹיךְ קֶען מֶען קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֶערְן דִי דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן.

## כְּשֻׁלְחָן הֶעָרוּךְ וּמוּכָן לֶאֱכוֹל

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אַ שַׁבָּת פַאר דִי הֵיילִיגֶע יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַזוֹי גְרִינְג גֶעמַאכְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט עֶס אַרָאפּ גֶעלֵייגְט כְּשֻׁלְחָן הֶעָרוּךְ וּמוּכָן לֶאֱכוֹל, מֶען דַארְף נָאר אַרַיינְקוּקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אִין דִי שֵׁיינֶע גִלְיוֹנוֹת אוּן אִין דִי בְּרִיוו, דָאס דֶערְמַאנְט נָאכְאַמָאל דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס דֶערְמַאנְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

## פָּאלִיצֵיי, שׁוֹמְרִים אוּן הַצָּלָה

אוֹיךְ בַּאקוּמְט מֶען שֵׂכֶל זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן. אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דִי וָואךְ גֶערוּפְן אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, עֶס הָאט אִים

געדויערט צוויי טעג זיך פשוט קענען צוזאמקלויבן מיר צו רופן זייענדיג אינגאנצן צעשוידערט, דערציילט ער מיר, ער איז א בן יחיד צו זיין טאטע, זיין טאטע האט נאכאמאל חתונה געהאט, און זיין נייע ווייב האט מיט געברענגט קינדער, האט אים דער טאטע געליידנט ער זאל קומען צו א חתונה פון איינע פון זיין ווייב'ס קינדער, איז פארגעקומען ביי די חתונה אזעלכע קלעפ, מען האט גערופן פאליציי, שומרים און הצלה, פון וואס איז באשטאנען דאס קריגעריי? איבער ווער עס זאל 'אונטערפירן' דעם חתן, ווער עס איז דער 'צד החתן'...

## ווער וועט אונטערפירן

ביידע משפחות זענען וואוילע מענטשן, אבער אז מען שטייט נישט נעבן דעם מענטש פון גארטן ווערט מען פארזאגט און פארפלאקט ביז מען קומט פשוט נישט אן צו טראכטן מיט אביסל ישוב הדעת: **'וואס איז א חילוק ווער וועט אונטערפירן?'** די גאנצע זאך פון אונטערפירן ביי א חופה איז נישט קיין הלכה, ביידע משפחות 'מעגן' אונטערפירן און קיינער 'דארף' נישט אונטערפירן, מען פארגעסט פון דער עיקר, מען פארגעסט פונעם אייבערשטן, מען פארגעסט אז עס איז דא חתונה, א חתן און א כלה... יעדער איז פארנומען נאר מיט זיך, 'איך', 'איך' און 'איך'.

## בריוו פון דער רבי"ץ זכותו יגן עלינו

ביינאכט ליין איך די בריוו פון דער הייליגער רבי"ץ פון ליובאוויטש זכותו יגן עלינו [זיין יארצייט איז געווען די וואך, י' שבט], שרייבט ער פילע מאל אין זיינע בריוו, א געזונטער מענטש שפירט נישט זיינע איברים; ווען פילט א מענטש אז ער האט א קאפ? ווען עס טוט אים וויי; ווען פילט מען דעם אויער? ווען עס טוט וויי; ווען פילט מען די אויגן? ווען די נערוו פון אינעוויניג הייבט אן טאנצן, די נערוו געבט א ציטער דאן פילט מען דעם אויג; ווען פילט א מענטש זיין האלז? ווען עס טוט אים וויי, ער שפירט יעדע שלינג; ווען פילט מען פינגערס פון די האנט? ווען מען כאפט א קלעם; אזוי דארף א מענטש זיין בטל צום אייבערשטן און נישט זיין פארנומען מיט זיך, דער מענטש זאל אפילו נישט טראכטן און פילן דעם 'איך', אבער אז א מענטש איז יא פארנומען מיט 'איך' ארויף און 'איך' אראפ, דאן איז א סימן אז ער איז נעבעך נישט געזונט ווייל ער פילט דעם 'איך', ער ליידט אויף גאוה.

## יעדער איז אים מקנא

די מעשה איז נישט נאר אן איינמאליגע מעשה, נאר אזוי איז עס אין אלע הייזער, איבעראל גייט שטילערהייט פאר קלעפ, שטילערהייט קריגט מען זיך ארום, דער חילוק איז נאר אז רוב מענטשן מאכן עס שיין פון אינדרויסן, מען באהאלט עס כדי אנדערע זאלן נישט וויסן דערפון, אזוי איז אים יעדער מקנא **'פארוואס קען איך נישט זיין אזא וואוילער טאטע ווי אים'**... ווידער ביים צווייטן האט עס שוין געפלאצט, ער האט עס מער נישט געקענט באהאלטן.

## די קינדער אלס א ציל ברעט

דאס איז דער וועלט, דער גארטן וואו מען יאגט, מען קריגט זיך איינעם מיט'ן צווייטן, מאן און ווייב קריגן זיך ארום, ווערט רעדט נאך ווען מען נעמט אריין די קינדער אין די מחלוקה אלס א ציל ברעט, דער טאטע זאגט: **"איך האב דיר געהייסן טון אזוי, פאלג נישט מאמי, טו ווי אזוי איך האב דיר געהייסן"**, און די מאמע שרייט פארקערט: **"טו ווי אזוי איך האב דיר געהייסן"**, אזוי ווערן אזעלכע יונגע נשמות צעריסן צווישן טאטע מאמע, פארשטייט זיך אז טאטע מאמע ווילן נאך דאס ביסל כבוד וועלן זיי זיך ארויס שטעלן פאר אנדערע ווי זיי לעבן בשלום... אבער עס איז דא דערויף דער עצה פון זיך שטעלן נעבן דעם מענטש, דער צדיק, וואס דאן יאגט מען מער נישט, דאן קען מען דורכגיין דעם גארטן און האבן א חיים טובים אויף די וועלט.

## יעדן טאג ש"י עולמות

אז מען שטעלט זיך נעבן דעם צדיק איז מען יעדן טאג פרייליך, שבת איז א פריילכע טאג, מוצאי שבת איז א פריילכע טאג, און אזוי ווייטער זונטאג, מאנטאג וכו', מען שפירט יעדן טאג די ש"י עולמות, די גרעסטע געשמאק.

## אין צוויי וואכן ארום...

עס איז נעבעך דא מענטשן וואס האבן נעבעך נישט קיין פריילכקייט אין זייער לעבן, איז זייער גאנצע שמחה בלויז פון דעם אז אין צוויי וואכן ארום גייט ער גיין וואקאציע, אדער אין צוויי וואכן ארום גייט ער האבן א בר מצוה, דאס טראגט אים אויף נאך צוויי וואכן, סתם אזוי לעבט ער נישט, דאס איז אלעס ביז מען קומט נעבן דעם צדיק, אבער אז מען קומט צום צדיק דאן הייבט דאס לעבן אן ווערן א לעבעדיגע לעבן.

## עצתו אמונה

ברוך השם היינט איז אזוי גרינג צו לערנען דעם רבי'נס ספרים, מוהרנ"ת האט עס אראפגעברענגט אויף די היינטיגע שפראך אין זיינע הייליגע בריוון, אין 'אשר בנחל', און ברוך השם אז די בריוון גייען ווייטער אן, די זעלבע דיבורים זעט מען אין 'עצתו אמונה', דאס זענען נישט קיין תורות, נאר וואו מען קוקט נאר אריין וועסטו זען עפעס וואס מען קען ניצן אויף למעשה, וואס איך האב יעצט צו טון.

## לערנען די בריוו

אז מען לערנט די בריוון מאכט מען אפ: 'איך גיי שוין רעדן שיין צו מיין ווייב', 'איך גיי שוין רעדן שיין צו מיין טאטע מאמע', 'איך גיי רעדן שיין צו מענטשן'; מען ווערט געוואויר אז 'קיינער קומט מיר גארנישט', 'איך וועל יעדן איינעם באדאנקען'. אויך באקומט מען א פרישע חשק צו לערנען די הייליגע תורה, מען מאכט אפ 'איך גיי לערנען אביסל חומש', 'איך גיי לערנען אביסל משניות'.

## מֶען ווִיל אַסאַך אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט

מוֹהֲרַא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד מִיטְ׳ן נָאמֶען ר׳ פֵייבֶל לֶעבֶל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוֹיף דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת לה:): ״הַרְבֵּה עָשׂוּ כְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַי וְלֹא עָלְתָה בְּיָדָן״, הָאט עֶר גֶעטַייטְשְׁט אַזוֹי, **׳הַרְבֵּה עָשׂוּ כְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַי׳** - אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אַסאַך נָאכְמַאכְן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, **׳וְלֹא עָלְתָה בְּיָדָן׳** - ווֶעט עֶר גָארְנִישְׁט הָאבְּן אִין הַאנְט; ווַייל אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אַסאַך - טוּט עֶר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אַז מֶען ווִיל נָאר אַבִּיסְל קוּמְט מֶען אָן צוּ אַלֶעס.

## יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל

דָאס דַארְפְן מִיר טוּן, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוועֶרֶע זַאך, דָאס קֶען יֶעדֶער טוּן, אוּן אַז מֶען טוּט דָאס, קוּמְט סוֹף ווָאך אוּן מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה; אוּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִים, אַבִּיסְל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַפָּאר ווֶערְטֶער. אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער צַדִיק, קֶען מֶען דוּרְכְגֵיין דֶעם גָארְטְן פֵיין אוּן וואוֹיל.

הָאבִּין זִיךְ דִי שָׂרִים צוּ אִים אָנְגִירוּפִין. פוּן דֶעסְט ווֶעגִין פָּארְט הָאטְשֶׁע מִיר הָאבִּין פוּן דִיר גִיזֶעהֶן אַזוֹי אַ זַאךְ. פוּן דֶעסְט ווֶעגִין פָּארְט. פוּן אֵיין זַאךְ ווֶעגִין. קוּמְט דִיר נָאךְ נִיט אָפְּצוּגִיבִּין דִי מְלוּכָה. מִיר ווֶעלִין דִיךְ פְּרוּבְן נָאךְ מִט אֵיין זַאךְ.

## אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ

דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דִי שָׂרִים הָאבְּן דָאךְ שׁוֹין גֶעזֶען ווָאס עֶר קֶען, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ ווֶעג מֶען זָאל קֶענֶען דוּרְכְגֵיין דֶעם גָארְטְן בְּשָׁלוֹם, דָאךְ ווִילְן זֵיי מַאכְן פָאר אִים נָאךְ אַ פְּרָאבֶּע. פַארְווָאס זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן דֶעם מַלְכוּת? פַארְווָאס זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט נֶעמֶען פַאר דַיין רֶבִּי, פַאר דַיין צַדִיק? ווֶען עֶר הָאט דִיר דָאךְ שׁוֹין גֶעווִיזְן אַ ווֶעג ווִי אַזוֹי דוּרְךְ צוּ גֵיין דָאס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם?! קוּקְט אַרַיין ווִי מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט דָא מוֹרָא׳דִיגֶע דִיבּוּרִים (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן); אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעווֶען צוּ טְרֶעפְן אֵיינֶער ווָאס ווַייזְט דִיר דֶעם ווֶעג זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן נֶעבְּן דֶעם צַדִיק אוּן דוּרְךְ גֵיין דָאס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, ווָאס נָאךְ דַארְפְסְטוּ? ווָאס נָאךְ פַאר אַ סְפֵיקוֹת הָאסְטוּ?!

## מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר גָארְנִישְׁט

יֶעצְט אִיז זֵייעֶר שֵׁיין צוּ הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן ווָאס זָאגְן מִיט שֶׁעצוּנְג: ״מוֹהֲרַא״שׁ״, ״מוֹהֲרַא״שׁ״, אָבֶּער ווֶען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרַא״שׁ הָאבְּן אַלֶע גֶערֶעדְט צוּ מִיר אוֹיף מוֹהֲרַא״שׁ כָּל דָבָר אָסוּר, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַלֶץ גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן ׳אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ מֶענְטְשׁ ווָאס שְׁטֵייעֶנְדִיג נֶעבְּן אִים קֶען אִיךְ דוּרְךְ גֵיין דָאס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם - מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר גָארְנִישְׁט׳.

## לָאקְשְׁן מִיט קֶעז

לֵיל שִׁישִׁי בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז דִי מִתְנַגְדִים הָאבְּן אַמָאל גֶעכַאפְּט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶסְן לָאקְשְׁן מִיט קֶעז, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן חוֹזֵק מַאכְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין צַדִיק, עֶר אִיז סְתַּם אַ פָּאפֶּער, עֶר עֶסְט לָאקְשְׁן מִיט קֶעז... מֶען הָאט דָאס נָאכְגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: ״ווָאס טְרַאכְט עֶטְץ, ווָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעגֶעסְן? מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין לָאקְשְׁן מִיט קֶעז? ווָאס דֶען הָאט עֶר גֶעגֶעסְן, זַאמְד?!״ דָאס אִיז דֶער טָעוּת, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז אַ צַדִיק אִיז אֵיינֶער ווָאס עֶסְט נִישְׁט, עֶר שְׁלָאפְט נִישְׁט, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעטוֹן פוּן ווֶעלְט.

## אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶער לוּלָב

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִין קָאפּ אַ בִּילְד ווִי אַזוֹי זַיין רֶבִּי דַארְף אוֹיסְקוּקְן, אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶער מֶענְטְשׁ, אַ בַּטְלָן, עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן ווִי עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִי ווֶעלְט, דֶערְפַאר ווֶען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרַא״שׁ אִיז מִיר דָאס גֶעווֶוען זֵייעֶר שְׁווֶער, ווַייל אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעווֶען אוֹיפְגֶעוואוּקְסְן, אַז אַ צַדִיק אִיז אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶער לוּלָב, אַ דַארְטְשִׁיגֶער מֶענְטְשׁ, אַ בַּטְלָן... עֶטְץ זֶענְטְס שׁוֹין גֶעבּוֹירְן גֶעווָארְן אוֹיפְ׳ן בַּארְג, הָאט עֶס עֶטְץ דָאס קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי אוֹיפְגֶעוואוּקְסְן פוּן חֵדֶר.

## מִיר אִיז גוּט ווִי אַזוֹי דֶער צַדִיק אִיז

ווֶען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעווָארְן הָאבּ אִיךְ קוֹדֶם גֶעלֶערְנְט אַ הַאלְבֶּע יָאר נָאר ׳אֲשֶׁר בַּנַחַל׳, דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט לָאמִיר פָארְן קַיין בָּארָא פַּארְק צוּ מוֹהֲרַא״שׁ, לָאמִיר זֶען ווֶער אִיז דֶער צַדִיק ווָאס שְׁרַייבְּט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אִיךְ קוּם אָן צוּ מוֹהֲרַא״שׁ זֶע אִיךְ פַאר מִיר אַן אַנְדֶערֶער בִּילְד ווָאס אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעהַאט אוֹיסְגֶע׳מָשָׁל׳ט, אִיךְ זֶע אַז עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיס צוּ זַיין אַזַא בַּטְלָן, עֶר גֵייט מִיט אַ הַאנְט זֵייגֶער, עֶר הָאט שְׁלִיסְלֶעךְ, אַ טֶעלֶעפַאוֹן, אוּן זִיצְט בַּאקְווֶעם אוֹיפְ׳ן בֶּענְקְל, נִישְׁט אַזוֹי ווִי אַנְדֶערֶע אוֹיפְ׳ן שְׁפִּיץ בֶּענְקְל... אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַזַא חֶשְׁבּוֹן, ׳אוֹיב דוּרְכְ׳ן שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ ווֶערְט מִיר אַלֶעס גוּט, אִיךְ קֶען רוּאִיגֶערְהֵייט דוּרְךְ גֵיין דֶעם גָארְטְן, אִיךְ קֶען אַהֵיים גֵיין אוּן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, אִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מִיר אַלֵיינְס, אִיךְ קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאווֶענֶען, נָאכְדֶערְצוּ אַז אִיךְ הֵייבּ אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעצְט ווָאס נָאךְ דַארְף אִיךְ? מִיר אִיז גוּט ווִי אַזוֹי עֶר אִיז, אִיךְ דַארְף מֶער נִישְׁט נָאךְ אַ פְּרָאבֶּע צוּ זֶען אוֹיב עֶר אִיז דֶער צַדִיק׳.

## אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם צַדִיק

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, מִיר זָאלְן אַלֶץ שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם צַדִיק, אוֹיךְ זָאלְן מִיר נֶעמֶען דֶעם צַדִיק אוּן אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין הַייזֶער אוּן אִין בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, וואוּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ מֶענְטְשְׁן, כְּדֵי נָאךְ מֶענְטְשְׁן זָאלְן ווִיסְן פוּן דֶעם ווֶעג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען דוּרְךְ גֵיין דָאס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן ווֶעלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: ״**שַׁבַּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ.**״